**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/10/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שטרייכט אונטער $665 מיליאן צו מאכן לאקאלע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן מער צוגענגליך איבער ניו יארק סטעיט**

***שליסט איין מער ווי $450 מיליאן צו פינאנצירן ריינע וואסער פראיעקטן אין ניו יארק סיטי***

***באשטעטיגונג פון פינאנציעלע הילף אויטאריזירט לאקאלע רעגירונגען צו באקומען צוטריט צו די געלט מיטלען וואס פעהלן זיך אויס פאר פראיעקטן וועלכע רעדוצירן סכנות צו די פובליק געזונטהייט און די ענווייראמענט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז די אינווייראנעמנטאל פאסיליטיס קארפארעישאן באורד פון דיירעקטארס האט באשטעטיגט $665 מיליאן אין פינאנציעלע הילף פאר וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקטן איבער ניו יארק סטעיט. די באורד'ס באשטעטיגונג ערלויבט מוניציפאל צוטריט צו נידריגע-קאסט פינאנצירונג און פריער געמאלדענע געלטער צו גראבן אונטער די ערד פאר קריטישע אינווייראנעמענטאלע אינפראסטרוקטור פראיעקטן, אריינגערעכנט באהאנדלונג פראצעדורן צו ארויסנעמען נייע פארפעסטיגונגען פון טרינקן וואסער.

"קיינער אין ניו יארק דארף זיך קיינמאל פארכטן אז זיי האבן נישט קיין צוטריט צו ריינע וואסער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט די געלט, טוען מיר באשיצן די געזונטהייט און וואוילזיין פון ניו יארקער, צושטעלנדיג קריטישע ריסאורסעס פאר לאקאלע עקאנאמיעס, שאפן דזשאבס און באשיצן אונזער נאטורליכע ריסאורסעס."

די היינטיגע אינוועסטירונג נעמט אריין מער ווי $450 מיליאן אין נידריגע-קאסט פינאנצירונג פאר ניו יארק סיטי, באצאלנדיג אינגאנצן פאר דעם סיטי'ס פארלאנג פאר פינאנציעלע הילף פאר 13 אפלויף פראיעקטן. די שריט פארשטערקערט דעם סטעיט'ס הויפט ראלע אין פאראויס שטופן דעם סיטי'ס ריינע וואסער צילן און פארמינערן די פינאנציעלע ווירקונג אויף די קריטישע פראיעקטן אויף לאקאלע שטייער באצאלער. EFC איז אנטשלאסן צו פארזיכערן אז די סיטי'ס וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען בלייבן צוגענגליך. אין צוגאב צו די פינאנצירונג היינט באשטעטיגט, האט EFC ארויסגעגעבן א [$717 מיליאן באנד אויספארקויף](#) פריער אין יאר צו באצאלן אנגייענדע און פארענדיגטע פראיעקטן, דערביי שפארנדיג פאר די שטייער באצאלער $183 מיליאן.

**אינווייראנמענטאלע פאסיליטיס קארפארעישאן פרעזידענט & CEO מארין א. קאולמאן האט געזאגט,** "פון די ערשטע טאג, האט גאווערנער האקול שטארק געבעטן, און EFC האט גענומען שריט צו מאכן זיכער אז ניו יארקער קענען זיך ערלויבן זיכערע טרינקען וואסער און פארלעסליכע ריינע וואסער סיסטעמס. די היינטיגע $665 מיליאן אינוועסטירונג אין צענדליגע פון אינווייראנמענטאלע אינפראסטרוקטור פראיעקטן זענען א פארזעצונג פון יענע פארשפרעכונג. פון די נארט קאנטרי ביז ניו יארק סיטי און ווייטער, וועט EFC'ס פינאנציעלע הילף העלפן גראבן אונטער די ערד פאר קריטישע

פראיעקטן וואס באשיצן פובליק געזונטהייט און פארבעסערן וואסער קוואליטעט בשעת'ן אפהיטן די טעשער פון ניו יארקער."

**דעפארטמענט פון אינווייראנמענטאלע קאנסערוועישאן אינטערם קאמישאנער סיען מאהאר האט געזאגט,** "א דאנק די ווייטערדיגע פירערשאפט פון גאווערנער האקול און איר היסטארישע אינוועסטירונגען אין ריינע וואסער, וועט די היינטיגע פינאנצירונג דירעקט העלפן מוניציפאליטעטן מיט'ן איבערמאכן און פארבעסערן וואסער אינפראסטרוקטור לענגאויס די סטעיט און איז א באווייז צו די סטעיט און לאקאלע שותפות'ן נויטיג צו באשיצן אונזער וואסער ריסאורסעס. מער ספעציפיש, די מער ווי $454 מיליאן צו פארבעסערן ניו יארק סיטי'ס אפפאל וואסער איבערפלוס אפעראציעס אין די גאוואנעס געגנט פון ברוקלין וועט דירעקט אדרעסירן וואסער קוואליטעט פארבעסערונגען אין די געגנט און פארבעסערן די סיטי, סטעיט, און פעדעראלע שריט צו פארזיכערן די באשיצונג פון פובליק געזונטהייט און די אינווייראנמענט. DEC באגריסט אונזער מיטארבעטער ביי EFC פאר'ן פאראויס רוקן די קריטישע פינאנצירונג וועלכע שטעלט צו פאר קאמיוניטיס צוגענגליכע אויסוואלן פאר ריינע וואסער פאר אלע ניו יארקער."

**סטעיט געזונטהייט קאמישינאר דר. דזשעימס מקדאנאלד האט געזאגט,** "גאווערנער האקול טוט ווייטער נאכפאלגן אויף איר פארשפרעכונג צו פארזיכערן אז ניו יארקער האבן צוטריט צו ריינע טרינקען וואסער. די פינאנציעלע שטיצע אין די לעצטע מעלדונג וועט שטארק פארלייכטערן די פינאנציעלע יאך אויף מוניציפאליטעטן וועלכע זוכן צו מאכן קריטישע אפגרעידס צו זייער וואסער סיסטעמס אריינגערעכנט אוועקנעמען שעדליכע פארפעסטונגען. ריינע טרינקען וואסער שטייט ביים גרונט פון גוטע געזונטהייט און ניו יארק סטעיט וועט ווייטער ארבעטן מיט קאמיוניטיס צו פארזיכערן אז עס ווערט באשיצט היינט און אין די צוקונפט."

**סעקרעטערי פון סטעיט וואלטער ט. מאוסלי האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט מאכט ווייטער היסטארישע אינוועסטירונגען אין ריינע טרינקען וואסער אינפראסטרוקטור צו שאפן אינווייראנמענטאלע עקאנאמישע און סאציאלע אנגייענדע קאמיוניטיס. איך באגריס גאווערנער האקול'ס פארשפרעכונג פון $665 מיליאן אין גרענטס און נידריגע-קאסט פינאנץ צו פארבעסערן קריטישע וואסער אינפראסטרוקטור און שאפן שטערקערע און מער קרעפטיגע קאמיוניטיס פאר די צוקונפט."

**EPA רעגיאנאלע אדמיניסטראטאר ליסע פ. גארסיע האט געזאגט,** "דיביידען-העריס אדמיניסטראציע'ס בייפארטיזען אינפראסטרוקטור געזעץ טוט ווייטער פארזעצן צו שיקן אן ערנסטע שטופ פאר קריטישע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן אין ניו יארק און לענגאויס די לאנד. רעקארד-שטאפל סטעיט און פעדעראלע אינוועסטירונגען וועלן פארזיכערן זיכערערע טרינקען וואסער קוואליטעט און שיקן פארגעשריטענע אפפאל וואסער באהאנדלונג סיסטעמס צו באשיצן די געזונטהייט פון אונזערע קאמיוניטיס און אונזערע טייער עקאסיסטעמס."

**סענאט מאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "פון אלבאני ביז אלסטער קאונטי, טוט געלט פליסן פון אונזער בייפארטיזאן אינפראסטרוקטור & דזשאבס געזעץ צו פארזיכערן זיכערע, ריינע טרינקען וואסער פאר פאמיליעס, און מאכן קריטישע אפגרעידס צו האלטן די ניו יארק'ס הערליכע וואסערוועגן פריי פון אן אפפאל איבערפלוס. די וויכטיגע פעדעראלע אינוועסטירונג וועט אפגרעיד'ן טרינקען וואסער און אפפאל סיסטעמס אין יעדע ווינקל פון די עמפייער סטעיט, בשעת'ן פראדוצירן א פליסיגע שטראם פון גוט-באצאלטע דזשאבס. סיטיס און רורעל קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק האבן געהאנדלט מיט עלטערע וואסער אינפראסטרוקטור פאר צו לאנג, אבער יעצט, א דאנק די היסטארישע פעדעראלע פינאנצירונג וואס איך האב ערהאלטן, טוען מיר דאס ענדליך טוישן. איך בין שטאלץ צו ברענגען די אויסערגעוועהנליכע $77 מיליאן אין BIL פינאנצירונג מיט גאווערנער האקול צו האלטן אונזער וואסער סיסטעמס זיכער און ריין פאר אלע ניו יארקער."

**פארשטייער פאול טאנקא האט געזאגט,** "איך האב אפטמאל געזאגט אז יעדע לעבן און יעדע דזשאב ווענדט זיך אויף וואסער; די פשוט'ע פאקט איז פארוואס איך האב געארבעט פאר יארן אין קאנגרעס אויפצוברענגען פעדעראלע אינוועסטירונגען אין ריינע וואסער איניציאטיוון. איך בין מורא'דיג שטאלץ צו פאראויס שטופן די בייפארטיזאן אינפראסטרוקטור געזעץ צו אדרעסירן אמעריקע'ס צאמגעפאלענע וואסער סיסטעמס, און איך בין פרייליך צו זען די קריטישע דאלארן ווייטער פליסן צו אונזערע קאמיוניטיס. איך וועל פארזעצן צו ארבעטן צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו זיכערע, ריינע וואסער."

**פארשטייער אדריאנאו עספיילאט האט געזאגט,** "ריינע וואסער איז וויכטיג פאר אלע קאמיוניטיס און די הייניגע מעלדונג פארזיכערט אז איינוואוינער אין מיין דיסטריקט האבן צוטריט צו זיכערע טרינקען וואסער, פריי פון פארפעסטונגען, אויף וועלכע זיי קענען זיך פארלאזן. א דאנק אייך גאווערנער האקול און מיטגלידער פון די אינווייראנמענטאלע פאסיליטיס קארפארעישאן באורד פון דירעקטארס פאר'ן אינוועסטירן די וויכטיגע געלט און קריטישע ריסאורסעס צו פארבעסערן ריינע וואסער פאר אלע ניו יארקער, אפגעזען פון זייער איינקונפט."

**פארשטייער פעט רייען האט געזאגט,** "פאמיליעס לענגאויס די האדסאן וועלי דארפן זיין זיכער אז די וואסער וואס קומט ארויס פון די קראן איז פארזיכערט צו טרינקען. איך בין שטאלץ אז די פראיעקטן, געטריבן דורך אינוועסטירונגען פון די היסטארישע בייפארטיזאן אינפראסטרוקטור געזעץ, וועט העלפן שיקן ריינע טרינקען וואסער, שאפן קוואליטעט יוניאן דזשאבס, און בויען קלימאט שטארקע אינפראסטרוקטור וואס באשיצט אונזערע קאמיוניטיס פאר די צוקונפט. איך וועל ווייטער קעמפן אהיימצוברענגען פעדעראלע אינוועסטירונגען צו פארזיכערן אז אלע האדסאן וועלי פאמיליעס האבן צוטריט צו ריינע וואסער."

**פארשטייער דאן גאלדמאן האט געזאגט,** "ארויסצונעמען פארפעסטונגען פון אונזער טרינקען וואסער איז נישט א פראבלעם וועלכע מיר קענען כסדר אפשטופן - עס פארלאנגט זאפארטע שריט. איך באגריס גאווערנער האקול פאר אירע באמיאונגען צו פארשנעלערן די פראצעדור, צושטעלנדיג מוניציפאליטעטן די פינאנצירונג וואס זיי האבן שטארק געדארפט צו ריניגן זייער וואסער וועגן און וואסער צוגעהערן - ארייגערעכנט דורך די גאוואנעס קאנאל צאמגענומענע אפפאל איבערפלוס אבעיטמענט פראיעקט. צוזאמען, טוען מיר פארזיכערן אז אונזערע קאמיוניטיס' געזונטהייט און זיכערהייט קומט אייביג קודם."

די באורד'ס באשטעטיגטע גרענטס און פינאנצירונג פאר לאקאלע רעגירונגען פון די ריינע וואסער און טרינקען וואסער סטעיט רעוואלווינג געלט (Drinking Water State Revolving און Clean Water Funds), גרענטס שוין געמאלדן אין איינקלאנג מיט די וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג ( Water Infrastructure Improvement) פראגראם, און געלט פון די פעדעראלע בייפארטיזאן אינפראסטרוקטור געזעץ (Bipartisan Infrastructure Law). אויסארבעטן די סטעיט'ס אינוועסטירונגען מיט BIL פינאנצירונג וועט ווייטער ערמוטיגן לאקאלע געמיינדעס צו מאכן קריטישע סיסטעם פארבעסערונגען צו באשיצן פובליק געזונט, באשיצן דעם אינווייראנמענט, הייבן קאמיוניטיס' קלימאט גרייטקייט, און הייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג. BIL געלטער פאר וואסער און סוער אינפראסטרוקטור ווערן פארטיילט דורך די EFC פון די סטעיט הלוואה קאסעס. BIL פינאנצירונג איז געצילט פאר אונטערגעשטיצטע קאמיוניטיס, אונטער קאנגרעס.

**ריינע וואסער פראיעקטן:**

- **אלבאני מוניציפאל וואסער פינאנץ אויטאריטעט -** $1,680,000 גרענט און $1,680,000 פריי-פון-אינטערעסט פינאנצירונג פון BIL פאר די פלאנירונג, אויסשטעל, און אויפבוי פון שטורעם וואסער פארבעסערונגען.

- **סיטי פון אמסטערדאם** - $8,758,500 גרענט און $7,041,500 פריי-פון-אינטערעסט פינאנצירונג פון BIL, און א WIIA $4,300,000 גרענט פאר די אויסשטעל און אויפבוי פון אפפאל וואסער באהאנדלונג פלענט פארבעסערונגען.
- **ווילעדזש פון האלי -** $2,061,338 פריי-פון-אינטערעסט און $783.016 מארקערט-ראטע פינאנצירונג פון די CWSRF, און א WIIA $405,646 גרענט פאר די פלאנירונג, אויסשטעל און אויפבוי פון אפפאל וואסער באהאנדלונג פלענט פארבעסערונגען און רייניגונג פארבעסערונגען.
- **סיטי פון קינגסטאן** - BIL $4,080,000 גרענט פאר די פלאנירונג, אויסשטעל, און אויפבוי פון אפפאל וואסער באהאנדלונג פלענט און אוטפאל אפגריידס.
- **ניו יארק סיטי מוניציפאל וואסער פינאנץ אויטאריטעט** - $454,275,734 פינאנצירונג פון די CWSRF פאר די פלאנירונג, אויסשטעל, און אויפבוי פון פראיעקטן פארבינדן מיט די ווארדס איילענד, באווערי בעי, דזשאמעיקא, קאוני איילענד, רעד הוק, און אוולס העד וואסער ריסאורס ערהוילונג פאסיליטעטן; די גאוואנעס קאנאל פארבינדענע אפפאל איבערפלוס אבעיטמענט פראיעקט; און פארשידענע פאמפינג סטאנציעס.
- **אניידע קאונטי -** $10,538,500 גרענט, $7,701,000 פריי-פון-אינטערעסט און $817.750 מארקערט-ראטע פינאנצירונג פון BIL; $817,750 פריי-פון-אינטערעסט פינאנצירונג פון די CWSRF, און א WIIA $6,625000 גרענט פאר די פלאנירונג, אויסשטעל, און אויפבוי פון א זאמלונג סיסטעם ריהאביליטאציע פראיעקט.
- **טאון פון פאוקיפסי -** $3,303,958 פריי-פון-אינטערעסט און $7,732,138 מארקערט-ראטע פינאנצירונג פון די CWSRF, און א WIIA $691,904 גרענט פאר די פלאנירונג, אויסשטעל, און אויפבוי פארבינדן מיט די אריבערפירן א פאמפ סטאנציע.
- **ווילעדזש פון רעמסען -** $152,500 גרענט און $278.500 פריי-פון-אינטערעסט פינאנצירונג פון BIL, און $256.892 מארקערט-ראטע פינאנצירונג פון די CWSRF פאר די פלאנירונג, אויסשטעל, און אויפבוי פון אפפאל וואסער באהאנדלונג פלענט ריינונג פאסיליטעט.
- **טאון פון סאוואנע** - $151,232 גרענט און $425.632 פריי-פון-אינטערעסט פינאנצירונג פון BIL, $149,984 פריי-פון-אינטערעסט און $597.536 מארקערט-ראטע פינאנצירונג פון די CWSRF, און א WIIA $75,616 גרענט פאר די פלאנירונג, אויסשטעל, און אויפבוי פון א רייניגונג סיסטעם ביים אפפאל וואסער באהאנדלונג פלענט.
- **ווילעדזש פון שירבורן** - $8,887,500 גרענט און $9,862,500 פריי-פון-אינטערעסט פינאנצירונג פון BIL, $10,000,000 מארקעט-ראטע פינאנצירונג פון די CWSRF, און א WIIA $8,729,104 גרענט פאר די פלאנירונג, אויסשטעל, און אויפבוי פון אפפאל וואסער באהאנדלונג פלענט פארבעסערונגען.
- **ווילעדזש פון טיוואלי** - $6,696,575 גרענט און $8,971,191 פריי-פון-אינטערעסט פינאנצירונג פון BIL פאר די פלאנירונג, אויסשטעל, און אויפבוי פון פארבעסערונגען צו די אפפאל וואסער זאמלונג און באהאנדלונג סיסטעם.

**טרונקען וואסער פראיעקטן:**

- **טאון פון ביעקמענטאן** - $838,166 מארקעט-ראטע פינאנצירונג פון די DWSRF און א WIIA $3,000,000 גרענט צו אידענטיפיצירן פלעצער פאר נייע ברונעמס, אנטוויקלונג פון צוויי ביז דריי נייע ערדוואסער סופליי ברונעמס, אויפבוי פון א וואסער באהאנדלונג פלענט וועלכע קומט מיט כעמיקאלע רייניגונג, און טראנסמישאן מעינס צו פארבינדן די ברונעמס מיט די וואסער באהאנדלונג פלענט.
- **קארל פלעיס וואסער דיסטריקט** - WIIA $4,589,400 גרענט אריינצולייגן צוויי גראניולער אקטיוויזירטע קארבאן (Granular Activated Carbon, GAC) איינעמונג באהאנדלונג סיסטעמס און פארבינדענע אפיורטענעסעס ביי ברונעמס 3 און 4 צו באהאנדלען פערפליוראאקטאניק עסיד (Perfluorooctanoic Acid, PFOA) און פערפליוראאקטאון סאלפאניק עסיד (Perfluorooctane Sulfonic Acid, PFOS) פארפעסטיגונג.

- **טאון פון עליזעבעטטאון** - $1,815,000 גרענט און $1,901,000 פריי-פון-אינטערעסט פינאנצירונג פון די DWSRF פאר די אינסטאלאציע פון צווייי נייע פראדוקשען ברונעמס, אויפבוי פון א וואסער באהאנדלונג פלענט וועלכע קומט מיט כעמיקאלע רייניגונג פאר די נייע ברונעמס, ריהאביליטאציע פון אן עקזיסטירנדע וואסער באהאנדלונג פלענט וועלכע נוצט כעמיקאלע רייניגונג פאר די עקזיסטירנדע ברונעמס, און פארשידענע וואסער סיסטעם פארבעסערונגען אריינגערעכנט די אינסטאלאציע פון מיטער וואלטס, טראנסמישאן מעין פון די פארגעשלאגענע ברונעמס צו די נייע באהאנדלונג פלענט, און פארבינדענע סייט פייפינג.
- **ווילעדזש פון ענידקאט** - פינאנציעלע הילף פאר צוויי פראיעקטן:
  - $4,491,285 פריי-פון-אינטערעסט און $8,982,568 מארקעט-ראטע פינאנצירונג פונעם DWSRF, און א WIIA $5,000,000 גרענט פאר נאך וואסער באהאנדלונג אוועקצונעמען אייזן, מאנגאניס און 1,4-דיאקסעין פארפעסטיגונג.
  - $2,924,087 פריי-פון-אינטערעסט פינאנצירונג פון די DWSRF און צוויי WIIA גרענטס פאר א סך הכל פון $4,386,131 פאר די אנטוויקלונג פון א נייע וואסער קוואל צו ערזעצן אן עקזיסטירנדע פארפעסטיגטע וואסער קוואל.
- **ווילעדזש פון פראנקפורט** - $3,385,00 פריי-פון-אינטערעסט פינאנצירונג פון די DWSRF און א WIIA $3,000,000 גרענט פאר פארשידענע אפגרעידס צו די וואסער דיסטריביושאן סיסטעם און ברונעם ארט.
- **ווילעדזש פון האמבורג** - WIIA $5,000,000 גרענט פאר די אינסטאלאציע פון א נייע 1.25-מיליאן-גאלאן וואסער סטארעדזש טאנק, נייע טראנסמישאן מעינס פון אומגעפער 6,000 ליניער פיס, און א נייע פאמפ סטאנציע.
- **ווילעדזש פון מיניאולע** -WIIA $5,000,000 גרענט פארן אריינלייגן א נייע GAC פילטרעישאן סיסטעם אוועקצונעמען PFOA און PFOS פון ברונעם נומער 1.
- **ווילעדזש פון אדעסא** - BIL $708,392 גרענט און א WIIA $2,996,295 גרענט פאר א צוויי-פאזע פראיעקט. פאזע I רעכנט אריין די אינסטאלאציע פון אומגעפער 20,000 פיס פון ערזעצונג 6, 8, 10 און 12-אינטש C-900 PVC וואסער מעין און פארבינדענע אפיורטענענסעס. פאזע II רעכנט אריין די אנטוויקלונג פון א נייע וואסער באהאנדלונג פלענט פאר פילטרעישאן פון עקזיסטירנדע קוועלער, די ערזעצונג פון ברונעם פאמפס, און די אינסטאלאציע פון אלע פארבינדענע באהאנדלונג געצייג און קאנטראלס.
- **ראזלין וואסער דיסטריקט** -WIIA $2,984,700 גרענט פארן אריינלייגן א GAC באהאנדלונג סיסטעם פאר קוועלער A2 און A5 ביי פלענט נומער 5 אוועקצונעמען PFAS.
- **סאפאלק קאונטי וואסער אויטאריטעט** - BIL $1,850,000 גרענט אריינצולייגן 21,000 ליניער פיס פון וואסער מעין אין די האמלעט פון קאלווערטאן.

**ריפייגענסען פארענדיגטע פראיעקטן וועט ערלייכן לאנג-טערמיניגע איינשפארונגען אין הלוואה סערוויס באצאלונגען**

די באורד האט אויך אונטערגענומען שריט צו העלפן פארזיכערן אנגייענדע, לאנג-טערמיניגע אפארדעביליטי פון עקזיסטירנדע פראיעקטן. די באורד האט באשטעטיגט לאנג-טערמיניגע, פריי-פון-אינטערעסט פינאנצירונג אין סך הכל פון מער ווי $24 מיליאן פאר פראיעקטן אונטערגענומען דורך די סיטי פון קינגסטאן, טאון פון ראקלענד, און ווילעדזשעס פון קאופענהעיגען, הייממענדספארט, איליאן, און סאוט גלען פאלס.

קורץ-טערמיניגע הלוואות שטעלן צו די געלטער פאר די דעזיין און קאנסטרוקציע פון פראיעקטן. איינמאל פראיעקט קאנסטרוקציע איז פארטיג, ווערט די קורץ-טערמיניגע הלוואה געווענטליך ווידער פינאנצירט צו ווערן א לאנג-טערמיניגע הלוואה פאר ביז אזויפיל ווי 30 יאר, איינשפארנדיג מוניציפאליטעטן באדייטנדע אינטערעסט אויסגאבן וואס זיי וואלטן געהאט אויב זיי וואלטן אליין געדארפט ארויסנעמען די הלוואות. דאס איז אין צוגאב צו די בענעפיט פון EFC-ארויסגעגעבענע גרענטס. באזירט אויף די יעצטיגע מארקעט

צושטאנדן, זענען די לאנג-טערמיניגע פינאנצירונגען פאראויס געזאגט צו שפארן לאקאלע שטייער צאלער א געשאצטע $38 מיליאן איבער די לענג פון די פינאנצירונגען.

**ניו יארק'ס געטריישאפט צו וואסער קוואליטעט**
ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו פארמערן אירע לאנד'ס-פירנדע אינוועסטירונגען אין וואסער אינפראסטרוקטור, אריינרעכענענדיג מער פון 2.2 ביליאן דאלאר אין פינאנציעלע הילף פון די EFC פאר לאקאלע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן אין די סטעיט'ס פיסקאלע יאר 2024 אליין. מיט 500 מיליאן דאלאר צוגעטיילט פאר ריינע וואסער אינפראסטרוקטור אין די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 אנאנסירט דורך גאווערנער האקול, וועט ניו יארק האבן אינוועסטירט א סך הכל פון 5.5 ביליאן דאלאר אין וואסער אינפראסטרוקטור צווישן 2017 און היי יאר.

גאווערנער האקול'ס אינציאטיוון פון איר 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע העלפן פארזיכערן אנגייענדע קאארדינאציע מיט לאקאלע רעגירונגען און מאכן זיכער אז קאמיוניטיס קענען אויסנוצן די אינוועסטירונגען. די גאווערנער האט פארגרעסערט WIIA גרענטס פאר סוער וואסער פראיעקטן צו דעקן פון 25 ארויף צו 50 פראצענט פון די סך הכל בארעכטיגטע פראיעקט קאסטן פאר קליינע, שוואכערע קאמיוניטיס. די גאווערנער האט אויך אויסגעברייטערט די EFC'ס 'קאמיוניטי הילף מאנשאפטן' (Community Assistance Teams) כדי צו העלפן קליינע, שטעטלישע און שוואכערע קאמיוניטיס צו אויסנוצן די פינאנצירונג און אדרעסירן זייערע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן. סיי וועלכע קאמיוניטי וואס דארף הילף מיט זייער וואסער אינפראסטרוקטור ווערט געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט די EFC אויף https://efc.ny.gov/CAT.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן